# חג הסוכות

## בס"ד. משיחת י"ג תשרי תשמ"א

הנחה פרטית בלתי מוגה

שטייט מען דאך אין דעם יום הילולא, וואס בהשגחה פרטית איז דאס אין די ימים שבין יוהכ"פ לחגה"ס, וואס וואס פאר א טעג איז דאס – זאגט ער אויף דערויף אין מדרש בנוגע צו עניני סוכות, אין פ' אמור, אז דעמאלס, אין די טעג, זיינען אידן טרוד, "זה עוסק בסוכתו וזה בלולבו", מ'גרייט זיך צו דעם יו"ט.

אן ענין אין וועלכן ער האט זיך געקאכט, וואס מ'האט געזען בגלוי, איז דאס – אז בזמנו איז געווען דער מצב פון אידן במדינה ההיא, וואס דארט איז געווען דער עיקר נשיאות שלו, און דארט איז געווען דער רוב מנין און רוב בנין פון די חסידים זיינע באופן גלוי –

איז געווען, מצד דעם מצב הכללי של המדינה, גרויסע שוועריקייטן בנוגע צו אפהיטן אידישקייט, כידוע צו די וואס ווייסן דברי ימי ישראל במדינה ההוא בזמן ההוא,

און ער האט זיך משתדל געווען און מתעסק געווען, און געמאכט כמה נסיעות, סיי אין דער מדינה גופא, סיי דורך ביקורים אין מדינות אחרות, אז זיי זאלן מאכן דעם לחץ על מדינה ההיא, אז מ'זאל מאכן לייכטער פאר אידן ברוחניות, און אויך מבטל זיין די גזירות וואס זיינען געווארן פארבונדן מיטן מצב הגשמי פון אידן,

וכידוע מקצת מזה פון סיפורי נשיא דורינו פון רבי'ן דעם שווער, וואס ער האט דערציילט וועגן די נסיעות און וועגן די ביקורים און וועגן די השתדלות וכו',

וכידוע די הדגשה אז זיין השתדלות איז געווען אויף ביידע ענינים, אויף מבטל זיין די גזירות פארבונדן מיט פרנסה, מיט גשמיות, מבטל זיין די גזירות (אדער וואס מ'האט געוואלט מאכן) בנוגע צו רוחניות.

ועד כדי כך, אז טלטולי דגברא איז דאך קשה – איז ניט געווען קיין מניעה ועיכוב בנוגע צו די נסיעות און די ביקורים מיט די אלע הנהגות וואס זיינען דערמיט פארבונדן, וואס זיי זיינען דאך ניט מיט דער מנוחת הגוף ווי עס קען זיין ווען מ'געפינט זיך במקומו ובביתו.

עד"ז איז דאס אויך כמדובר לעיל, די נקודה וואס זי איז א צד השוה מיט די ענינים אין וועלכע מ'געפינט זיך, אז עוסק בסוכתו און עוסק בלולבו, וואס בכללות איז דאס א שייכות און א הקדמה און א הכנה צו חגה"ס,

וואס אין חגה"ס, ווי אין אלע ימים טובים, איז דאך דער ענין וואס זיי זיינען מועדים לשמחה, און אויף שמחה זאגט מען אז ווען קען זיין שמחה – ווען ס'איז "אתה ובנך ובתך ועבדך ואמתך וגרך אשר בשעריך",

זיינען מפורש מפרשים, אז ווען קען זיין א שמחה אמיתית, ביז וואנעט אז אזוי האט דאס דער אויבערשטער מטביע געווען, ארייגעשטעלט, אין טבע האדם, אז ווען ער שטייט אין א תנועה של שמחה איז ער ניט בהתבודדות, אדרבה – ער טוט כל שביכלתו אויף משתף זיין כו"כ עמו,

ביז וואנעט אפילו אזוינע וואס זיי זיינען בנך ובתך, ביז וואנעט אפילו אזוינע וואס זיי זיינען עבדך ואמתך, ביז וואנעט אפילו אזוינע וואס גרך אשר בשעריך,



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# חג הסוכות

וואס אין דערויף איז דאך די הדגשה מיוחדה בנוגע צו חגה"ס: ווי מ'זעט דאך אז דער פס"ד און די הוראה, ביז צו א פשוט שבפשוטים, אפגעדרוקט אין סידורים השוים לכל נפש – אז מועדים לשמחה שטייט אויף אלע ימים טובים אין דעם סידור; זמן שמחתינו – שטייט מערניט ווי אויף חגה"ס,

איז דערפון גופא אויך פארשטאנדיק, אז די הדגשה אויף מצרף זיין, און דוקא דעמאלט ווערט דאס א שמחה – ווען ער איז מצרף כו"כ, אלעמען וועמען ער קען דערגרייכן, אפילו אזא וואס געפינט זיך מערניט בשעריך, ער איז ניט ביי אים אין הויז, ניט ביי אים אין זיינע ד' אמות, ניט ביי אים אין חצר, ניט ביי אים אין שכונה; ער געפינט זיך אין שער העיר – שטעלט ער אים אויך אריין, און אט דעמאלט ווערט דאס זיין שמחה,

וכמדובר כמ"פ, ווי ער זאגט אין ילקוט אז אין חגה"ס שטייט דריי מאל שמחה, וואס בתחלתא זימנא הוי חזקה,

וואס דאס איז נקודה, מ'נעמט דאך אין יעדער ענין ארויס א נקודה בנוגע למעשה בפועל, אז דער סיפור איז מדגיש, אנהויבנדיק פון די ענינים האמורים, וואס זיי זיינען דאך מיוסד אויף אהבת ישראל, וואס דאס איז דאך כל התורה כולה, במילא איז ער זיך מחנך, און מחנך, מצד ואהבת לרעך כמוך, יעדער אידן וועלכן ער קען דערגרייכן, א ביי אים זאל דאס אויך אזוי זיין,

אנהויבנדיק פון די ענינים בפשטות, אז מ'זאל זען אז יעדערער זאל האבן צרכי החג, ביז אין אן אופן אז עס זאעל זיין ביי אים דער חג בשמחה, אויך שמחת הגוף,

ואדרבה – שמחת יו"ט מוז זיין פארבונדן מיט "אין שמחה אלא בבשר" בזמן שבית המקדש הי' קיים, און אויך מיט "אין שמחה אלא ביין", וואס דאס איז מה"ת אפילו בזמן שאין ביהמ"ק קיים,

און ווי דער אלטער רבי ברייגנגט אראפ אין שו"ע אז דאס איז א מ"ע מה"ת אויך איצטער, סיי ביו"ט און סיי בחוה"מ און סיי בשמיני עצרת און אויך בשמח"ת,

וואס דאס דארף מען דאך באווארענען, ווי מ'זעט בפשטות לפני ימי החג, וואס דאס איז דורך דערויף וואס אין די ימים שלפני החג, איז ער נאכמער מוסיף אויף באווארענען אז בא יעדער אידן צו וועלכן ער קען דערגרייכן זאל זיין צוגעגרייט אז דערנאך זאל ביי אים זיין דער "ושמחת בחגך" כדרוש, אויך מיט א הידור,

וואס דאס דארף מען, כאמור, נאך צוגרייטן אין די ימים שלפני החג,

און אזוי אויך בימי החג, כמנהג וואס ס'איז דאך שוין איינגעפירט כו"כ שנים, זיך משתדל זיין אויף מוסיף זיין בשמחת בני ישראל וואו מ'קען זיי דערגרייכן.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.